בס"ד
וירא תשפ"ד
גליון 163

# דעם רבינ'ס ליכט



**אַייערע קִינְדֶער זָאלְט אִיר מוֹדִיעַ זַיין וָואס דָא הָאט זִיך גִיטָאן** (שיהר"ן ר"ט)

## דער ריינער קוואל

### *נִישְׁט מְהַרְהֵר זַיין אוֹיפְן אוֹיבֶּערְשְׁטְן*

מֶען לֶערְנְט אִין דִי פַּרְשִׁיּוֹת אוֹיף דִי צֶען נִסְיוֹנוֹת וָואס אַבְרָהָם אָבִינוּ אִיז אַרִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען, יֶעדֶע נִסָּיוֹן אֵיינְס שְׁוֶוערֶער פוּנֶעם צְוֵוייטְן, אַזוֹי וִוי חֲזַ"ל זָאגְן, "עֲשָׂרָה נִסְיוֹנוֹת נִתְנַסָּה אַבְרָהָם אָבִינוּ, וְעָמַד בְּכֻלָּם" אָבֶּער דֶער שְׁפִּיץ פוּן דִי נִסְיוֹנוֹת אִיז גֶעוֶוען דֶער נִסָּיוֹן פוּן דֶער עֲקֵדָה, וֶוען הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ הָאט גֶעהֵייסְן פַאר אַבְרָהָם אָבִינוּ: "גֵיי, נֶעם דַיין קִינְד אוּן בְּרֶענְג אִים אַרוֹיף פַאר אַ קָרְבָּן עוֹלָה." אוּן עֶר הָאט נִישְׁט מְהַרְהֵר גֶעוֶוען אוֹיפְן אוֹיבֶּערְשְׁטְן.

ר' נָתָן בְּרֶענְגְט אַז דִי מְפָרְשִׁים פְּרֶעגְן אַ קַשְׁיָא, "וָואס אִיז דִי גְרוֹיסֶע אִיבֶּערַראשוּנְג אִיבֶּער דֶער נִסָּיוֹן פוּן דֶער עֲקֵדָה? לוֹיט דָאס גְרוֹיסֶע צִדְקוּת אוּן גֶעטְרַיישַׁאפְט פוּן אַבְרָהָם אָבִינוּ אִיז עֶס נִישְׁט אַזַא נִסָּיוֹן, וַוייל לִכְאוֹרָה קֶענֶען אֲפִילוּ פָּשׁוּטֶ'ע מֶענְטְשְׁן שְׁטֵיין אִין אַזַא נִסָּיוֹן וֶוען דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער וֶועט זֵיי קְלָאר אַרוֹיסְזָאגְן צוּ גֵיין שֶׁעכְטְן זֵייעֶר בֶּן יָחִיד, וֶועט לִכְאוֹרָה אֲפִילוּ אַ פָּשׁוּטֶ'ער אִיד פָּאלְגְן אַזַא קְלָארֶע בַּאפֶעל."

זָאגְט ר' נָתָן אַז דֶער עִיקָר נִסָּיוֹן פוּן דֶער עֲקֵדָה אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען צוּ שֶׁעכְטְן זַיין אֵייגֶענֶעם קִינְד, דֶער עִיקָר נִסָּיוֹן אִיז גֶעוֶוען אַז עֶר הָאט נִישְׁט נָאכְגֶעטְרַאכְט נָאךְ דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְנְס מִדּוֹת, אַזוֹי וִוי רַשִׁ"י הַקָּדוֹשׁ טַייטְשְׁט אוֹיפְן פָּסוּק: "כִּי עַתָּה יָדַעְתִּי," 'אָמַר ר' אַבָּא: "אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט גֶעזָאגְט צוּם בַּאשֶׁעפֶער, 'אֲפָרֵשׁ לְפָנֶיךָ שִׂיחָתִי,' אִיךְ וִויל זִיךְ מִיט דִיר אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן! 'אֶתְמוֹל,' נֶעכְטְן הָאסְטוּ מִיר גֶעזָאגְט אַ צוּזָאג אַז 'בְּיִצְחָק יִקָּרֵא לְךָ זָרַע,' אִיךְ וֶועל הָאבְּן קִינְדֶער אוּן אֵייניקְלֶעךְ, אַ גַאנְצֶע אִידִישֶׁע פָאלְק - כְּלַל יִשְׂרָאֵל אוּן דַוְקָא פוּן יִצְחָק, אוּן שְׁפֶּעטֶער זָאגְסְטוּ מִיר אִיךְ זָאל אִים נֶעמֶען אוּן בְּרֶענְגֶען פַאר אַן עוֹלָה? אוּן יֶעצְט זָאגְסְטוּ מִיר, 'אַל תִּשְׁלַח יָדְךָ אֶל הַנַּעַר, אִיךְ זָאל אִים נִישְׁט צוּרִירְן. [דָא אִיז אַ מְקוֹר וִוי מֶען זֶעט אַז אַבְרָהָם הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶע'טַעֲנָה'ט מִיטְן אוֹיבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן דָאס הַארְץ צוּם בַּאשֶׁעפֶער יֶעדְן טָאג].

זָאגְט אִים דֶער בַּאשֶׁעפֶער: "אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעהֵייסְן דוּ זָאלְסְט אִים שֶׁעכְטְן! אִיךְ הָאבּ נָאר גֶעהֵייסְן בְּרֶענְגֶען פַאר אַן עוֹלָה". זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז דֶער

המשך אויף קומענדיגע זייט












עִיקר נִסָיון פון אַבְרָהָם אָבִינוּ איז גֶעוֶוען עֶר זָאל נִישְׁט מְהַרְהֵר זַיין אויפְן אויבֶּערשְׁטְן, נָאר עֶר הָאט גֶעפָאלְגְט וָואס הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ הָאט אִים גֶעבֶּעטְן. זַיין עִיקר נִסָיון אִיז גֶעוֶוען צוּ הָאבְּן אַ רֵיינֶע אֱמוּנָה און גְלֵייבְּן אִין בַּאשֶׁעפֶער, און פָאלְגְן אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין, וֶוען דֶער אויבֶּערשְׁטֶער הָאט אִים גֶעזָאגְט, 'גֵיי שֶׁעכְטְן', אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען, וַוייל מֶען קֶען נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין דִי וֶועגְן פוּן הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ.

שְׁפֶּעטֶער שְׁטֵייט אִין פָּסוּק "וַיִּקְרָא אַבְרָהָם שֵׁם הַמָּקוֹם הַהוּא ה' יִרְאֶה אֲשֶׁר יֵאָמֵר הַיּוֹם בְּהַר ה' יֵרָאֶה (בראשית כב, יד)", טַייטְשׁ ר' נָתָן אַזוֹי: "אַלֶע אָבוֹת הַקְדוֹשִׁים, הָאבְּן גֶעזֶען אַז דֶער סוֹף און דֶער תִּקְוָה וֶועט זַיין נָאר וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען, 'וַיַּרְא אֶת הַמָּקוֹם מֵרָחוֹק', אַבְרָהָם הָאט גֶעזֶען פוּנְדֶערְוַוייטְנְס – מִיט אַזַא סָארְט וַוייטֶע קוּק אַז עֶס גֵייט קוּמֶען אַ בֵּית-הַמִּקְדָּשׁ, מֶען וֶועט בְּרֶענְגֶען דָארְט קָרְבָּנוֹת, עֶס וַוארְט אוּנְז אָפּ אַ גְרוֹיסֶע תִּקְוָה, אָבֶּער עֶר הָאט עֶס גֶעזֶען 'מֵרָחוֹק', אַ וַוייטֶער אוֹיסְקוּק, נִישְׁט וואוּסְנְדִיג וֶוען עֶס וֶועט שׁוֹין קוּמֶען.

זָאגְט ר' נָתָן דָאס זֶעלְבֶּע גֶעשֶׁעט בַּיי יֶעדְן אִיד, קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט קְלָאר וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען. וֶוען וֶועט קוּמֶען מַיין אֵייגֶענֶע גְאוּלָה? וֶוען וֶועל אִיךְ שׁוֹין וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד בִּשְׁלֵמוּת - אַ גַאנְצֶער פְרֵיילִיכֶער אִיד, טוּן דִי מִצְוָה מִיט גַאנְצְקֵייט און פְרֵייד? קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט וֶוען עֶס וֶועט זַיין דִי גְאוּלָה אַחֲרוֹנָה בִּכְלָלִיוּת און בִּפְרָטִיוּת, אָבֶּער אֵיין זַאךְ וֵוייסְן מִיר קְלָאר, "עֶס אִיז אוּנְז קְלָאר אַז מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען!! עֶס אִיז קְלָאר אַז עֶס וֶועט קוּמֶען אַ גְאוּלָה!! אֲפִילוּ עֶס אִיז דֶערְוַוייל נָאכְנִישְׁט גֶעקוּמֶען וֶועט עֶס קוּמֶען מָארְגְן, דֶערְפַאר רוּפְט אַבְרָהָם דָאס פְּלַאץ פוּן דֶער בֵּית הַמִּקְדָּשׁ: "ה' יִרְאֶה," נָאר דֶער אויבֶּערשְׁטֶער זֶעט און וֵוייסְט וֶוען עֶס וֶועט קוּמֶען דֶער סוֹף פוּן דֶער גָלוּת, אָבֶּער מִיר טָארְן נִישְׁט מַאכְן קַיין שׁוּם חֶשְׁבּוֹנוֹת, מִיר דַארְפְן טוּן אוּנְזֶערְס יֶעדְן טָאג, זִיךְ דֶערְוַוייטֶערְן פוּן שְׁלֶעכְטְס און טוּן מִצְוֹת און מַעֲשִׂים טוֹבִים און דוּרְכְדֶעם וֶועט קוּמֶען דִי גְאוּלָה.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן אַז ר' יְהוֹשֻׁעַ בֶּן לֵוִי הָאט גֶעטְרָאפְן מָשִׁיחַ און גֶעפְרֶעגְט: "אֵימָתַי קָאָתֵי מַר, וֶוען וֶועסְטוּ קוּמֶען מָשִׁיחַ?"

הָאט מָשִׁיחַ גֶעעֶנְטְפֶערְט: "הַיּוֹם – הַיינְט",

אויפְצוּמָארְגְנְס טְרֶעפְט אִים ווִידֶער ר' יְהוֹשֻׁעַ בֶּן לֵוִי און פְרֶעגְט: בִּיזְט נִישְׁט גֶעקוּמֶען?"

זָאגְט מָשִׁיחַ: "נֵיין, הָאסְט נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען מַיין כַּוָונָה, 'הַיּוֹם' אִם בְּקוֹלוֹ תִּשְׁמָעוּ, יֶעדְן אֵיינְצִיגְן טָאג דַארְף מֶען פָאלְגְן דֶעם אויבֶּערשְׁטְן און אַזוֹי אִיז מֶען מְקָרֵב דִי גְאוּלָה. יֶעדֶער אִיד לוֹיט זַיין עֲבוֹדַת ה' אִיז עֶר מְקָרֵב דִי גְאוּלָה פוּן יֶעדְן אֵיינְצִיגְן טָאג.

צוּם סוֹף וֶועלְן זִיךְ צַאמְנֶעמֶען אַלֶע 'חֶלְקֵי מָשִׁיחַ' פוּן אַלֶע אִידְן דוּרְךְ דִי צַדִיקִים וֶועלְכֶע זֶענֶען מְקָרֵב דִי גְאוּלָה. 'הַיּוֹם בְּקוֹלוֹ תִּשְׁמָעוּ' מִיט דִי עֲבוֹדוֹת פוּן יֶעדְן טָאג פוּן אַלֶע אִידְן וָואס דִינֶען דֶעם אויבֶּערשְׁטְן. דָאס אִיז פְּשַׁט, ה' יֵאָמֵר 'הַיּוֹם', יֶעדְן טָאג און טָאג וָואס אַ אִיד טוּט דִי מִצְוֹת אִיז עֶר מְקָרֵב דִי גְאוּלָה בִּיז צוּם סוֹף וֶועלְן אַלֶע תְּנוּעוֹת און מַעֲשִׂים טוֹבִים פוּן אַלֶע קִינְדֶער און בָּחוּרִים און פוּן גַאנְץ כְּלַל יִשְׂרָאֵל מְקָרֵב זַיין דֶעם לֶעצְטְן גְאוּלָה און מִיר אַלֶע וֶועלְן הָאבְּן אַ חֵלֶק דֶערִין און זוֹכֶה זַיין הֲנָאָה צוּ הָאבְּן פוּן דִי שְׁכִינָה הַקְדוֹשָׁה.

דֶער אויבֶּערשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז בְּקָרוֹב מַמָּשׁ זָאל מְקוּיָם וֶוערְן אַלֶע הַבְטָחוֹת פוּן דֶער וָואכֶעדִיגֶער פַּרְשֶׁה, דִי גְאוּלָה הַקְרוֹבָה זָאל שׁוֹין קוּמֶען בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ אָמֵן.

# איין מעשה'לע



## א נסיעה בזכות תפלה

אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ הַשֵּׁם זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ פָאָרְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִין אוּמַאן דָאס יָאר תשפ"ד אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, דִי מַעֲשֶׂה אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי. פַאר אִיךְ בִּין גֶעוָוארְן זִיבְּן יָאר הָאט אִיךְ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ פָאָרְן צוּם רֶבִּי'ן, דָאס אִיז גֶעוֶוען אִינְמִיטְן יָאר, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעוָואלְט זַיין בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיךְ אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, הָאבּ אִיךְ יֶעדְעס יָאר מִתְפַּלֵּל גֶעוֶוען אִיךְ זָאל קֶענֶען זַיין בַּיים רֶבִּי'ן בַּיים גְרוֹיסְן הַכְּתָרָה, רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אָבֶּער לַיידֶער הָאבְּן זִיךְ דִי מְנִיעוֹת אוֹיסְגֶעשְׁפְּרֵייט.

אֵיין יָאר אִיז גֶעקוּמֶען דִי קָארָאנֶע, דִי צְוֵוייטֶע יָאר אִיז מַיין טַאטֶע גֶעפָארְן אָנְהֵייבּ חֹדֶשׁ אֱלוּל, הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט מִיטְקוּמֶען, דִי דְרִיטֶע יָאר אִיז גֶעוֶוען דִי מִלְחָמָה, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ טַייעֶרֶע טִיקֶעט אוּן מֶען הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט עֶרְלוֹיבְּן.

עֶרֶב דִי פֶּערְטֶע יָאר תשפ"ד הָאבּ אִיךְ זִיךְ אוּנְטֶערְגֶענוּמֶען צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג דִי תְּפִלָּה ע"ו אִין לִקּוּטֵי תְּפִלּוֹת, אוּן בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ פָארְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה תשפ"ד נָאר בִּזְכוּת דִי תְּפִלָּה.

יִישַׁר כֹּחַ פַאר דֶעם רֶבִּי'נְס לִיכְט, עֶס אִיז מִיר גֶעשְׁמַאק דָאס צוּ לֵיינֶען יֶעדֶע וָואךְ.

מנחם

צוּ נָתָן ש. עֶס אִיז נִישְׁט אַרַיינְגֶעקוּמֶען קְלָאר דַיין מַעֲשֶׂה'לֶע, אָבֶּער וָואס מִיר הָאבְּן יָא גֶעהֶערְט אַז דוּ הָאסְט זִיךְ אַיינְגֶעהַאלְטְן נִישְׁט צוּ רֶעדְן לָשׁוֹן הָרָע. אַשְׁרֶיךָ אַז דוּ גֵייסְט אִין רֶבִּי'נְס וֶועגְן, דִי וֶועג וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט צוּ זַיין 'אֶחָד הָיָה אַבְרָהָם' שְׁטֵיין אַנְטְקֶעגְן אַנְדֶערֶע קִינְדֶער אוּן נִישְׁט וֶוערְן נָאכְגֶעשְׁלֶעפְּט פוּן נִישְׁט רִיכְטִיגֶע מַעֲשִׂים וָואס אַנְדֶערֶע טוּעֶן, בִּיסְטוּ גֶעוֶוען שְׁטַארְק אוּן גֶעגַאנְגֶען מִיטְן אֱמֶת. חֲזַק וֶאֱמַץ!

*'ההתבודדות הוא מעלה עליונה וגדולה מן הכל'*

*'התבודדות - רעדן צום באשעפער מיט דיין אייגענעם שפראך איז א גרויסע מעלה און העכער פון אלעם'*



# אַ טָעוּת אִינֶעם אַדְרֶעסס



אויפן בילד ברסלב'ע
אידן אין פולין.
קבר פון רבי צדוק הכהן
אין לובלין.

ר' יִצְחָק בְּרֵייטֶער, אַ לוּבְּלִינֶער יוּנְגֶערְמַאן, אַ 'בַּעַל מֹחַ' און אַ 'מְבַקֵּשׁ' אִיז גֶעזֶעסְן און גֶעהָארֶעוועט אִין לֶערְנֶען אִינֶעם בֵּית הַמִּדְרָשׁ פוּנֶעם צַדִּיק ר' צָדוֹק הַכֹּהֵן פוּן לוּבְּלִין זִי"עַ.

מִיטְאַמָאל הָאט עֶר בַּאמֶערְקְט אַ סֵפֶר וָואס עֶר הָאט נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעהֶערְט דֶערְפוּן. דֶער נָאמֶען פוּנֶעם סֵפֶר אִיז גֶעוֶוען "לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן". ר' יִצְחָק הָאט גֶעעֶפְנְט דֶעם סֵפֶר בַּיי 'תּוֹרָה ס"ד -בֹּא אֶל פַּרְעֹה', און דִי הֵיילִיגֶע ווערְטֶער הָאבְּן גֶעפַאנְגֶען זַיין הַארְץ. אַ נַייעֶ וֶועלְט הָאט זִיךְ אַנְטפְּלֶעקְט פַאר אִים. עֶר הָאט זִיךְ פַארְטִיפְט אִין דִי תּוֹרָה בִּיז עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁפִּירְן אַ רוּחְנִיּוֹת'דִיגֶע תַּעֲנוּג וָואס עֶר הָאט נָאךְ אִין זַיין לֶעבְּן נִישְׁט פַארְזוּכְט.

דִי שָׁעוֹת זֶענֶען שְׁנֶעל גֶעלָאפְן, עֶס אִיז גֶעוָוארְן שְׁפֶּעט, הָאט עֶר בַּאשְׁלָאסְן צוּ בַּאהַאלְטְן דֶעם סֵפֶר אִין אַ אוּמְבַּאמֶערְקְטְן ווינְקְל כְּדֵי עֶר זָאל אִין דִי קוּמֶענְדִיגֶע טֶעג קֶענֶען גְרִינְגֶערְהֵייט פָארְזֶעצְן דָאס לֶערְנֶען אִינֶעם דָאזִיגְן הֵיילִיגְן סֵפֶר. ...און שׁוֹין הָאבְּן זִיךְ דִי "מְנִיעוֹת" (שְׁטֶערוּנְגֶען) אָנְגֶעפַאנְגֶען...

אוֹיפְצוּמָארְגְנְס וֶוען ר' יִצְחָק אִיז צוּרִיקְגֶעקוּמֶען הָאט עֶר גֶעזוּכְט און גֶעזוּכְט אָבֶּער אָן עֶרְפָאלְג. מַעֲשֶׂה שָׂטָן הִצְלִיחַ... ר' יִצְחָק הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט וָואס צוּ טוּן מִיט זִיךְ פַאר צַעַר. צוּ זַיין גְרוֹיס צַעַר הָאט עֶר זִיךְ אֲפִילוּ נִישְׁט גֶעקֶענְט דֶערְמַאנֶען דֶעם נָאמֶען פוּנֶעם סֵפֶר.

עֶס זֶענֶען אַרִיבֶּער עֶטְלִיכֶע וָואכְן און אִין אֵיינֶעם אַ טָאג הָאט אַ אִיד אַרַיינְשְׁפַּאצִירְט אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ. יֶענֶער הָאט אַרָאפְּגֶעלֵייגְט אַ סֵפֶר אוֹיפְ'ן טִישׁ און אִיז זִיךְ גֶעגַאנְגֶען זַיין וֶועג. ר' יִצְחָק הָאט גֶעעֶפְנְט דֶעם סֵפֶר און זַיינֶע אוֹיגְן הָאבְּן אוֹיפְגֶעלָאכְטְן; דִי זַאכְן וָואס זֶענֶען

גֶעשְׁטַאנֶען אִינֶעם סֵפֶר זֶענֶען גֶעוֶוען זֵייעֶר עֶנְלִיךְ צוּ יֶענֶעם סֵפֶר וָואס עֶר הָאט גֶעטְרָאפְן אוּן דֶערְנָאךְ פַארְלוֹירְן. גֶעוֶוען אִיז דָאס דֶער סֵפֶר 'פַּרְפְּרָאוֹת לַחָכְמָה', אוּן גַאנְץ שְׁנֶעל הָאט עֶר פַארְשְׁטַאנֶען אַז דָאס אִיז פַאקְטִישׁ אַ פֵּרוּשׁ אוֹיפְ'ן סֵפֶר לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן וָואס עֶר זוּכְט שׁוֹין אַזַא לַאנְגֶע צַייט.

אִין לוֹיף פוּן דִי צַייט הָאט עֶר אוֹיךְ בַּאקוּמֶען פוּן עֶרְגֶעצְווּאוּ דֶעם סֵפֶר 'שִׂיחוֹת הָרַ"ן', פוּן וֶועלְכְן עֶר אִיז גֶעוואוּיר גֶעוָוארְן אַז דֶער מְחַבֵּר פוּן דִי סְפָרִים לִיגְט אִין אוּמַאן אוּן אַז עֶר הָאט בַּאפוֹילְן אַז נָאךְ זַיין הִסְתַּלְּקוּת זָאל מֶען קוּמֶען צוּ זַיין קֵבֶר.

צוּעֶרְשְׁט הָאט עֶר גֶעמֵיינְט אַז דִי שְׁטָאט גֶעפוּנְט זִיךְ אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן פְּלַאנִירְן וִויאַזוֹי אָנְצוּקוּמֶען אַהִין כְּדֵי זִיךְ צוּ קֶענֶען מִשְׁתַּטֵּחַ זַיין אוֹיפְ'ן צִיּוּן פוּנֶעם צַדִּיק צוּ וֶועמֶענְ'ס הֵיילִיגֶע תּוֹרוֹת עֶר אִיז אַזוֹי שְׁטַארְק צוּגֶעבִּינְדְן. שְׁפֶּעטֶער אִיז עֶר גֶעוואוּיר גֶעוָוארְן אַז דִי שְׁטָאט גֶעפִינְט זִיךְ גָאר אִין אוּקְרֵיינֶע, אוּן אַז דָארְט הָאבְּן דִי בְּרֶסְלֶבְ'עֶ חֲסִידִים אַ גְרוֹיסְן קְלוֹיז וואוּ זֵיי קוּמֶען זִיךְ צוּזַאם אִין דִי מַאסְן יֶעדְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה כְּדֵי אוֹיסְצוּפִירְן זֵייעֶר רֶבִּי'נְס צַוָואָה.



ר' יִצְחָק הָאט זִיךְ אַרָאפְּגֶעזֶעצְט שְׁרֵייבְּן אַ הַארְצִיגֶע בְּרִיוו צוּ דִי אוּמַאנֶער חֲסִידִים. עֶר הָאט גֶעשִׁילְדֶערְט זַיין גֶעוַואלְדִיגֶע בֶּענְקֶענִישׁ אוּן גְלוּסְטֶענִישׁ זוֹכֶה צוּ זַיין זִיךְ צוּ דֶערְנֶענְטֶערְן צוּם דָאזִיגְן צַדִּיק, אוּן דֶערְנָאךְ גֶעבֶּעטְן זֵיי זָאלְן אִים שִׁיקְן צוּ זַיין אַדְרֶעס אַלֶע רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, אוּן בִּפְרָט דֶער הֵיילִיגֶער סֵפֶר לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן וֶועלְכֶע עֶר הָאט נָאר אֵיינְמָאל מַצְלִיחַ גֶעוֶוען צוּ זֶען אוּן עֶר גֵייט אוֹיס פַאר אִיר.

וֶוען עֶר הָאט פַארְעֶנְדִיגְט דֶעם בְּרִיוו אוּן עֶס גֶעוָואלְט אַרוֹיסְשִׁיקְן הָאט עֶר זִיךְ גֶעכַאפְּט אַז אַייגֶנְטְלִיךְ הָאט עֶר נִישְׁט קַיין שׁוּם אַדְרֶעס אִין אוּמַאן וואוּ עֶר קֶען רִיכְטְן זַיין בְּרִיוו.

אִיז עֶר אַרַיין צוּם אִידִישְׁן דְרוּק-הוֹיז אִין לוּבְּלִין פוּן וואוּ עֶס זֶענֶען אַרוֹיסְגֶעשִׁיקְט גֶעוָוארְן סְפָרִים אִיבֶּער דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט, אוּן זִיךְ דָארְט נָאכְגֶעפְרֶעגְט אוֹיף אַ סְפָרִים גֶעשֶׁעפְט אִין אוּמַאן, אוּן דֶעם אָנְגֶעגֶעבֶּענֶעם אַדְרֶעס הָאט עֶר פַארְשְׁרִיבְּן אוֹיפְ'ן קָאנְוֶוערְט.

הָאט אָבֶּער דֶער דְרוּקֶער גֶעמַאכְט אַ גְרוֹיסְן טָעוּת ...

המשך קומענדיגע וואך בעז"ה

# א שמועס מיט'ן זיידן



## ווער איז דער מלך?

זֵיידֶע – וָואס מַאכְסְטוּ בֶּערֶעלֶע? וָואס הָאסְטוּ הַיינְט גֶעלֶערְנְט אִין חֵדֶר?

**בֶּערֶעלֶע** – בָּרוּךְ ה', פַּיין, אוּנְז הָאבְּן גֶעלֶערְנְט אִין חֵדֶר אַסַאךְ זַאכְן...

זֵיידֶע – נוּ, פוּן דִי אַלֶע זַאכְן אֶפְשָׁר קֶענְסְטוּ אִיבֶּערְזָאגְן עֶפֶּעס גוּט?

**בֶּערֶעלֶע – סוֹף טָאג דֶערְצֵיילְט מַיין רֶבִּי דִי הַיילִיגֶע מַעֲשִׂיּוֹת פוּן תַּנַ"ךְ, מִיר הַאלְטְן בַּיי דֶער מַעֲשֶׂה פוּן דָּוִד הַמֶּלֶךְ וִוי אַזוֹי שְׁמוּאֵל הַנָּבִיא הָאט אִים גֶעזַאלְבְּט פַאר אַ מֶלֶךְ. דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעזָאגְט פַאר שְׁמוּאֵל הַנָּבִיא אַז אֵיינֶער פוּן יִשַׁי'ס קִינְדֶער וֶועט זַיין דֶער קֶענִיג. אַלֶע זֶענֶען גֶעוֶוען זִיכֶער אַז דִי חָשׁוּבֶ'ע קִינְדֶער דִי גְרוֹיסֶע בְּרִידֶערְ'ס פוּן דָּוִד וֶועלְן וֶוערְן אוֹיסְגֶעקְלִיבְּן, וַוייל זֵיי זֶענֶען אַלֶע גֶעוֶוען בַּאוואוּסְט פַאר לוֹמְדִים אוּן תַּלְמִידֵי חֲכָמִים, אָבֶּער דֶער בַּאשֶׁעפֶּער הָאט נִישְׁט זֵיי גֶעוָואלְט, עֶר הָאט גֶעוָואלְט אֵיינֶעם וָואס הַאלְט זִיךְ קְלֵיין אוּן הָאט אַ צֶעבְּרָאכֶענֶע הַארְץ, נָאכְדֶעם וָואס שְׁמוּאֵל הַנָּבִיא הָאט פְּרוּבִּירְט זַאלְבְּן דִי דֶערְהוֹיבֶּענֶע קִינְדֶער פוּן יִשַׁי אֵיינֶעם נָאכְ'ן צְוֵוייטְן, אָבֶּער דֶער בַּאשֶׁעפֶּער הָאט נִישְׁט צוּגֶעשְׁטִימְט, הָאט שְׁמוּאֵל גֶעפְרֶעגְט פַּאר יִשַׁי צוּ עֶר הָאט נָאךְ קִינְדֶער? הָאט מֶען גֶעשִׁיקְט רוּפְן דֶעם קְלֵיינֶעם דָּוִד פוּן פֶעלְד וואוּ עֶר הָאט גֶעפַּאשֶׁעט דִי שָׂאף. דָּוִד אִיז גֶעוֶוען אַזַא נֶעבֶּעכְדִיגֶער, אַ פַארְזֵייטִיגְטֶער קִינְד, קֵיינֶער הָאט אִים נִישְׁט לִיבּ גֶעהַאט, זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶעשֶׁעמְט מִיט אִים, מֶען פְלֶעגְט לַאכְן פוּן אִים, אָבֶּער צוּ זֵייעֶר גְרוֹיס וואוּנְדֶער, ווִי נָאר דָּוִד אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען הָאט שְׁמוּאֵל גְלַייךְ בַּאקוּמֶען אַ נְבוּאָה אַז עֶר אִיז דֶער קֶענִיג!**

זֵיידֶע – זֵייעֶר שֵׁיין! הָא דָּוִד הַמֶּלֶךְ, וִויפִיל קֶען מֶען זִיךְ לֶערְנֶען פוּן זַיין מַעֲשֶׂה, נִישְׁט אוּמְזִינְסְט אִיז זַיין לֶעבְּנְס גֶעשִׁיכְטֶע וָואס עֶר אִיז אַרִיבֶּער גֶעוָוארְן פַארְשְׁרִיבְּן לְדוֹרוֹת. וָואס דָּוִד הַמֶּלֶךְ אִיז אַרִיבֶּער אִין זַיין לֶעבְּן, אִיז ווִי אַ וֶועגְוַוייזֶער פַאר אוּנְז ווִי אַזוֹי מֶען קֶען זִיךְ דֶערְהַאלְטְן וֶוען עֶס גֵייט שְׁוֶוער.

רֶבִּי שָׁלוֹם פְּרָאבִּיטְשֶׁער (זוּן פוּן רבי אברהם המלאך, בן המגיד ממעזריטש זי"ע) הָאט גֶעשִׁיקְט אַ אִיד זָאל זַיין בַּיים רֶבִּי'ן, הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט פַאר דֶעם אִיד: **"מַיין מוּסָר סֵפֶר אִיז תַּנַ"ךְ"**, וַוייל נַ"ךְ אִיז נִישְׁט נָאךְ אַ שֵׁיינֶע מַעֲשִׂיּוֹת בִּיכְל חַס וְשָׁלוֹם, נָאר אִין יֶעדֶע מַעֲשֶׂה וָואס וֶוערְט דָארְט אַרָאפְּגֶעבְּרֶענְגְט אִיז בַּאהַאלְטְן אַ גֶעוַואלְדִיגֶע מוּסַר הַשֵּׂכֶל, אוּן הַיילִיגֶע עֵצוֹת אוּן וֶועגְן וִוי אַזוֹי צוּ דִינֶען דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן. אוּן ר' נָתָן הָאט גֶעזָאגְט "אַז דֶער גֶעשְׁרֵיי אוּן דִי נְבִיאָה פוּן יֶעדְן נָבִיא גֵייט אוֹיךְ אַרוֹיף אוֹיף אוּנְז אִידִישֶׁע קִינְדֶער הַיינְטִיגֶע צַייטְן", בִּפְרָט בַּיי דָּוִד מֶלֶךְ יִשְׂרָאֵל וָואס הָאט גֶעשְׁרִיבְּן דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר תְּהִלִּים, וָואס דֶער רֶבִּי שְׁרַייבְּט אוֹיף דֶעם: שֶׁכָּל אֶחָד וְאֶחָד כְּפִי מַה שֶּׁהוּא יָכוֹל לִמְצֹא

אֶת עַצְמוֹ בְּתוֹךְ סֵפֶר תְּהִלִּים, (ליקו"מ תנינא עג) יֶעדֶע אֵיינֶער וָואס עֶס וֶועט אִים נָאר בַּאטְרֶעפְן אִין זַיין לֶעבְּן וֶועט עֶר גֶעפִינֶען אַ תְּפִלָּה פַאר דֶעם מַצָּב אִינעם סֵפֶר תְּהִלִּים.

**בֶּערֶעלֶע – וָואס, אוֹיךְ מַיין לֶעבְּן וָואס אִיךְ גֵיי אַרִיבֶּער קֶען אִיךְ טְרֶעפְן אִין דִי קַאפִּיטְלֶעךְ פוּן תְּהִלִּים?**

זֵיידֶע – זִיכֶער! אוֹיךְ דוּ קֶענְסְט זִיךְ אָפְּלֶערְנֶען גוּטֶע עֵצוֹת פוּן דִי מַעֲשֶׂה פוּן דָוִד הַמֶּלֶךְ, אוּן אַוַודְאַי קֶענְסְטוּ טְרֶעפְן אִין דִי הֵיילִיגֶע קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים אַלֶעס וָואס גֵייט אִיבֶּער אוֹיף דִיר. גֶעבּ אַ טְרַאכְט אֵיין מִינוּט בֶּערֶעלֶע, וָואס קֶענְסְטוּ זִיךְ אָפְּלֶערְנֶען פוּן דָוִד הַמֶּלֶךְ?

**בֶּערֶעלֶע – אַז נִישְׁט וָואס אִין דִי וֶועלְט אִיז חָשׁוּב אוּן גֶעשֶׁעצְט דָאס אִיז בֶּאֱמֶת חָשׁוּב... דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער קוּקְט נִישְׁט וִוי אַזוֹי אַ מֶענְטְשׁ שְׁטֶעלְט זִיךְ אַהֶער פוּנְדְרוֹיסְן נָאר עֶר קוּקְט אִינְוֶוייְנִיג אִין הַארְצְן וָואס דֶער מֶענְטְשׁ ווִיל בֶּאֱמֶת, אַזוֹי וִוי דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט פַאר שְׁמוּאֵל הַנָּבִיא אוֹיף דֶער בְּרוּדֶער פוּן דָוִד " אַל תַּבֵּט אֶל מַרְאֵהוּ וְאֶל גְּבֹהַּ קוֹמָתוֹ כִּי מְאַסְתִּיהוּ כִּי לֹא אֲשֶׁר יִרְאֶה הָאָדָם, כִּי הָאָדָם יִרְאֶה לַעֵינַיִם וְהַשֵּׁם יִרְאֶה לַלֵּבָב (שמואל א' טז, ז)" קוּק נִישְׁט אוֹיף זַיין אוֹיסְזֶען אוּן אוֹיף זַיין הוֹיכְן גֶעשְׁטֶעל וַוייל עֶר אִיז מִיר נִישְׁט בַּאווִילִיגְט, אוֹיבְן קוּקְט מֶען נִישְׁט מִיט אַ מֶענְטְשְׁלִיכֶע בְּלִיק, אַ מֶענְטְשׁ זֶעט פַאר דִי אוֹיגְן אוּן הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ קוּקְט אַרַיין אִין הַארְץ...**

זֵיידֶע – אַיי אַזֶעלְכֶע מוֹרָא'דִיגֶע וֶוערְטֶער... סְ'כַאפְּט אַ צִיטֶער! נוּ וָואס לֶערְנְסְטוּ אַרוֹיס פוּן דֶעם צוּם לֶעבְּן?

**בֶּערֶעלֶע – אַלֶעמָאל קוּק אִיךְ אַרוֹיף דִי שְׁטַארְקֶע יוּנְגְלֶעךְ פוּן כִּתָּה וָואס זֶענֶען זִיכֶער מִיט זִיךְ, אוּן הָאבְּן שְׁטֶענְדִיג וָואס צוּ זָאגְן, אִיךְ וִויל אוֹיךְ זַיין פוּן דִי חֶבְרָה, דִי שַׁארְפֶע קִינְדֶער וָואס זָאגְן דִי לֶעצְטֶע וָוארְט... אָבֶּער נָאךְ וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט דִי מַעֲשֶׂה הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ טְרַאכְטְן וֶוער וֵוייסְט וֶוער עֶס אִיז בֶּאֱמֶת גֶעשֶׁעצְט בַּיים אוֹיבֶּערְשְׁטְן? פְּלוּצְלוּנְג הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן זֶען דִי שְׁטִילֶערֶע קִינְדֶער, אַזוֹי וִוי מַיין חַבֵר יוֹסֵף וָואס הָאט אַזוֹיפִיל גוּטֶע מִדּוֹת, אוּן רֶעדְט אַזוֹי שֵׁיין צוּ יֶעדְן אֵיינֶעם, אוֹיךְ מַיין חַבֵר שִׁמְעוֹן וָואס גֵייט אִיבֶּער אוֹיף אִים אַבִּיסְל אַ שְׁוֶוערֶע לֶעבְּן, כְ'הָאבּ גֶעטְרַאכְט אַז אֶפְשָׁר אִיז זַיין צֶעבְּרָאכֶענֶע הַארְץ זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיים אוֹיבֶּערְשְׁטְן? אוּן אַזוֹי נָאךְ אַסַאךְ וואוֹילֶע אִינְגְלֶעךְ וָואס אִיךְ הָאבּ זֵיי לַיידֶער אַבִּיסְל אַרָאפְּגֶעקוּקְט בִּיז יֶעצְט, הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ זֶען זֵייעֶר אֱמֶת'ע שֵׁיינֶע מַעֲלוֹת.**

זֵיידֶע – אַשְׁרֶיךְ בֶּערֶעלֶע! וואוֹיל אִיז דִיר! אַזוֹי דַארְף מֶען הֶערְן אַ מַעֲשֶׂה פוּן נַ"ךְ....

**בֶּערֶעלֶע – זֵיידִי, אִיךְ זָאג בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַסַאךְ מָאל תְּהִלִּים אוּן תִּיקוּן הַכְּלָלִי אוּן אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ טְרֶעפְן דָארְט?!**

זֵיידֶע – טְרֶעפְן זִיךְ מֵיינְט מֶען אַז מֶען טְרֶעפְט פְּלוּצְלוּנְג אַז דָוִד הַמֶּלֶךְ זָאגְט וָואס אִיךְ הָאבּ יֶעצְט גֶעוָואלְט זָאגְן! סְ'אִיז דָא אוֹיף דֶעם אָן אַ שִׁיעוּר מַעֲשִׂיּוֹת פוּן תַּלְמִידִים פוּן רֶבִּי'ן וָואס

הָאבְּן זִיךְ אוֹיסְגֶערֶעדְט צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן מִיט דִי וֶוערְטֶער פוּן תְּהִלִּים, לְמָשָׁל מֶען דֶערְצֵיילְט אוֹיף ר׳ שְׁמוּאֵל שַׁפִּירָא זַ״ל וָואס הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען נָאךְ פֶערְצִיג יָאר בֶּענְקֶען אָנְצוּקוּמֶען עֶנְדְלִיךְ צוּם צִיּוּן פוּן רֶבִּי׳ן אִין אוּמַאן, הָאט דֶערְצֵיילְט זַיין בַּאגְלֵייטֶער אַז ר׳ שְׁמוּאֵל אִיז אַרַיין אִין חָצֵר פוּן צִיּוּן אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ זָאגְן דִי עֶרְשְׁטֶע קַאפִּיטְל פוּן תִּיקוּן הַכְּלָלִי וָואוּרְט בַּיי וָוארְט, מִכְתָּם לְדָוִד... וֶוען עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ דִי וֶוערְטֶער ״לִקְדוֹשִׁים אֲשֶׁר בָּאָרֶץ הֵמָּה״.. הָאט ר׳ שְׁמוּאֵל אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ וֵויינֶען אוּן קְלַאפְּן מִיט דִי פִּיס אוּן אִיבֶּערְגֶעזָאגְט דִי הֵיילִיגֶע וֶוערְטֶער אֵיין מָאל אוּן נָאכְאַמָאל לִקְדוֹשִׁים אֲשֶׁר בָּאָרֶץ הֵמָּה.. דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים וָואס לִיגְן דָא...

אַזוֹי אוֹיךְ אִיז גֶעוֶוען אוּנְזֶערֶע לַייט בַּיים לֵייגְן זִיךְ שְׁלָאפְן בַּיינַאכְט הָאבְּן זֵיי זִיךְ אוּנְטֶערְגֶעזוּנְגֶען: ״אִם זְכַרְתִּיךָ עַל יְצוּעָי - רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ וֶועל דִיר גֶעדֶענְקֶען אוֹיף מַיין גֶעלֶעגֶער״ אִיךְ וִויל גֶעדֶענְקֶען פוּן דִיר בַּאשֶׁעפֶער אוֹיךְ וֶוען אִיךְ לֵייג זִיךְ אַרָאפּ שְׁלָאפְן אִין בֶּעט! וָואס מֶער מֶען פַארְשְׁטֵייט רִיכְטִיג דִי טַייטְשׁ פוּן דִי וֶוערְטֶער קֶען מֶען גְרִינְגֶער פַארְבִּינְדְן דִי הֵיילִיגֶע וֶוערְטֶער צוּ זִיךְ אַלֵיין.

יִישַׁר כֹּחַ בֶּערֶעלֶע, אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ גֶעלֶערְנְט פוּן דִיר הַיינְט, אִיךְ וִוינְטְשׁ דִיר אַז אִין דֶעם זְכוּת זָאלְסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד בֶּאֱמֶת.

**בֶּערֶעלֶע – אָמֵן, יִישַׁר כֹּחַ זֵיידִי!**

| | | |
|---|---|---|
| **הר״ר אהרן לויפער הי״ו**<br>**לרגל נישואי בנו למזל טוב** | **הר״ר שמואל האראוויץ הי״ו**<br>**לרגל הולדת בנו למזל טוב** | **הר״ר נתן שמואל שפירא הי״ו**<br>**לרגל הולדת בתו למזל טוב** |

# סיפורי מעשיות
# מעשה ג׳ - דער הינקעדיגער 4

**דֶערְנָאךְ** הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵׁב גֶעוֶוען (דְהַיְינוּ: דֶער וָואס הָאט פְּרִיעֶר קַיין ׳כֹּחַ׳ נִישְׁט גֶעהַאט אוֹיף דִי ׳פִּיס׳): ״[אַז] עֶר וֶועט גֵיין צוּ דִי ׳צְוֵויי־טוֹיזְנְט בֶּערְג׳ (הַנַ״ל), עֶר זָאל זֶעהְן וָואס דָארְט טוּט זִיךְ״!

[וֶוען עֶר אִיז אַהִינְגֶעקוּמֶען], הָאט עֶר זִיךְ גֶעשְׁטֶעלְט פוּן וַוייטְן [פוּנְדֶערְוֵוייטְנְס] פוּן דִי ׳צְוֵויי־טוֹיזְנְט בֶּערְג׳ – הָאט עֶר גֶעזֶעהְן: ״אַז סֶע [סְ׳אִיז] דָארְטְן דָא, כַּמָּה וְכַמָּה אַלְפֵי־אֲלָפִים וְרִבֵּי־רְבָבוֹת [טוֹיזְנְטֶער אוּן צֶענְדְלִיגֶע־טוֹיזְנְטֶער]

׳מִשְׁפָּחוֹת פוּן שֵׁדִים׳ – וָוארְן זֵיי זֶענֶען פָּרִים־וְרָבִים [פַארְמֶערְן זִיךְ], אוּן הָאבְּן קִינְדֶער אַזוֹי־וִוי מֶענְטְשְׁן, אוּן זֵיי זֶענֶען זֵייעֶר פִּיל״!

**אוּן** עֶר הָאט גֶעזֶעהְן: זֵייעֶר ׳מַלְכוּת׳ [מֶלֶךְ] אִיז גֶעזֶעצְן אוֹיף אַ ׳שְׁטוּהְל׳, וָואס קַיין שׁוּם יְלוּד־אִשָּׁה (כְּלוֹמַר: קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ) זִיצְט נִישְׁט אוֹיף אַזוֹי אַ [אַזַא] ׳שְׁטוּהְל׳!

**אוּן** [עֶר] הָאט גֶעזֶעהְן: ״וִוי זֵיי מַאכְן ׳לֵיצָנוּת׳״! – דֶער דֶערְצֵיילְט: ״אַז עֶר הָאט בַּיי דֶעם אַ ׳קִינְד׳ מַזִיק גֶעוֶוען״! – אוּן דֶער דֶערְצֵיילְט: ״וִוי עֶר הָאט דֶעם אַ ׳הַאנְט׳ מַזִיק גֶעוֶוען״! – אוּן דֶער דֶערְצֵיילְט: ״וִוי עֶר הָאט אַ ׳פוּס׳ מַזִיק גֶעוֶוען״! – אוּן אַזוֹי אַנְדֶערֶע ׳לֵיצָנוּת׳!

**דֶערְוַוייל** הָאט עֶר דֶערְזֶעהְן: ״וִוי [אַ] ׳פָּאטֶער׳ אוּן [אַ] ׳מוּטֶער׳ גֵייעֶן אוּן וֵויינֶען״!

**הָאט** מֶען זֵיי גֶעפְרֶעגְט: ״[פַארְ]וָואס וֵויינְט אִיר״?! – הָאבְּן זֵיי גֶעעֶנְטְפֶערְט: ״[אַז] זֵיי הָאבְּן אַ ׳זוּהְן׳ – פְלֶעגְט זַיין שְׁטֵייגֶער צוּ זַיין, עֶר זָאל גֵיין אִין זַיין וֶועג – אוּן אִין דֶער [יֶעצְטִיגֶער] צַייט, פְלֶעגְט עֶר זִיךְ שׁוֹין אוּמְקֶערְן – אוּן הַיינְט [יֶעצְט] אִיז שׁוֹין אַ לַאנְגֶע צַייט, אוּן עֶר אִיז נָאכְנִישְׁט גֶעקוּמֶען״!

**אוּן** דָאס אִיז אַלְץ גֶעוֶוען פוּן דִי ׳שֵׁדִים׳ – דֶער ׳פָּאטֶער׳, מִיט דֶער ׳מוּטֶער׳, מִיט דֶעם ׳זוּהְן׳! הָאט מֶען זֵיי גֶעבְּרַאכְט צוּם [אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטְן] ׳מֶלֶךְ׳ [פוּן דִי ׳שֵׁדִים׳] – הָאט דֶער ׳מֶלֶךְ׳ גֶעהֵייסְן: ״אַז מְ׳זָאל שִׁיקְן ׳שְׁלוּחִים׳, אִין גָאר דֶער וֶועלְט, אַז מְ׳זָאל אִים גֶעפִינֶען״!

**וִוי** דֶער ׳פָּאטֶער׳ מִיט דֶער ׳מוּטֶער׳ זֶענֶען צוּרִיקְגֶעגַאנְגֶען פוּן דֶעם ׳מֶלֶךְ׳ – הָאבְּן זֵיי בַּאגֶעגְנְט אֵיינֶעם, וָואס דֶער אִיז אִינְאֵיינֶעם גֶעגַאנְגֶען מִיט זֵייעֶר ׳זוּהְן׳! [דָאס אִיז גֶעוֶוען דֶער ׳חַבֶר׳ פוּן זֵייעֶר ׳זוּהְן׳, וָואס עֶר אִיז פְרִיעֶר גֶעגַאנְגֶען מִיט זֵייעֶר ׳זוּהְן׳. אוּן יֶעצְט הָאבְּן זֵיי בַּאגֶעגְנְט נָאר יֶענֶעם אַלֵיינְס, אָן זֵייעֶר ׳זוּהְן׳]! הָאט עֶר זֵיי גֶעפְרֶעגְט: ״[אוֹיף] וָואס וֵויינְט אִיר״? – הָאבְּן זֵיי אִים דֶערְצֵיילְט [וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט]!

**הָאט** עֶר זֵיי גֶעעֶנְטְפֶערְט: ״אִיךְ וֶועל אַייךְ דֶערְצֵיילְן [וָואס דָא גֵייט פָּאר]! – בַּאֲשֶׁר [אַזוֹי־וִוי] מִיר הָאבְּן גֶעהַאט אַ ׳קֶענְפֶּע׳ [אִינְזְל] אוֹיף דֶעם ׳יַם׳, וָואס דָארְט אִיז גֶעוֶוען אוּנְזֶער אָרְט – [דֶערְנָאךְ] אִיז גֶעגַאנְגֶען דֶער ׳מֶלֶךְ׳ [נִישְׁט פוּן דִי ׳שֵׁדִים׳] וָואס צוּ אִים הָאט גֶעהֶערְט דִי [דָאזִיגֶע] ׳קֶענְפֶּע׳, אוּן הָאט גֶעוָואלְט דָארְטְן בּוֹיעֶן ׳פַּאלַאצְן׳, אוּן הָאט דָארְט שׁוֹין גֶעלֵייגְט אַ ׳יְסוֹד׳ (דְהַיְינוּ: אַ ׳גְרוּנְד׳)!

**הָאט** אֵייעֶר ׳זוּהְן׳ [דָאס אִיז דֶער אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶער זוּהְן פוּן דִי ׳שֵׁדִים׳, וָואס אִיז פַארְלוֹירְן גֶעוָוארְן] גֶעזָאגְט צוּ מִיר: ״אַז מִיר זָאלְן אִים מַזִיק זַיין״! – זֶענֶען מִיר גֶעגַאנְגֶען, אוּן מִיר הָאבְּן אַוֶועקְגֶענוּמֶען דֶעם ׳כֹּחַ׳ פוּן דֶעם [דָאזִיגְן] ׳מֶלֶךְ׳! הָאט עֶר [דֶער דָאזִיגֶער קֶענִיג] זִיךְ גֶעפָּארֶעט מִיט ׳דָאקְטוֹרִים׳, אוּן זֵיי הָאבְּן אִים נִישְׁט גֶעקֶענְט הֶעלְפְן! – הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ פָּארֶען מִיט ׳מְכַשְׁפִים׳!

**אִיז** דָארְט גֶעוֶוען אַ ׳מְכַשֵׁף׳, וָואס עֶר הָאט גֶעוואוּסְט זַיין ׳מִשְׁפָּחָה׳ [פוּן דֶעם זוּהְן׳]! –

[און] מַיין 'מִשְׁפָּחָה' הָאט עֶר נִישְׁט גֶעוואוּסְט, אִיבֶּערְדֶעם [צוּלִיבּ־דֶעם] הָאט עֶר מִיר גָארְנִישְׁט גֶעקֶענְט טוּהְן! – נָאר זַיין 'מִשְׁפָּחָה' הָאט עֶר [יָא] גֶעוואוּסְט, הָאט עֶר אִים גֶעכַאפְּט אוּן עֶר אִיז אִים מְעַנֶה זַייעֶר (כְּלוֹמַר: עֶר פַּיינִיגְט אִים זַייעֶר)"!

**הָאט** מֶען אִים גֶעבְּרַאכְט צוּם 'מֶלֶךְ' [פוּן דִי 'שֵׁדִים'] (דְהַיְינוּ: דֶעם [דָאזִיגְן] 'שֵׁד' וָואס הָאט דָאס אַלְץ דֶערְצֵיילְט) – הָאט עֶר דָאס פַּאר דֶעם 'מֶלֶךְ' אוֹיךְ דֶערְצֵיילְט! הָאט דֶער 'מֶלֶךְ' גֶעזָאגְט: "לָאז [זָאל] מֶען אוּמְקֶערְן דֶעם 'כֹּחַ' צוּ דֶעם 'מֶלֶךְ' [פוּנֶעם אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטְן 'אִינְזְל']"! – הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט [דֶער 'שֵׁד']: "עֶס אִיז בַּיי אוּנְז גֶעוֶוען אֵיינֶער [אַ 'שֵׁד'] וָואס עֶר הָאט קַיין 'כֹּחַ' נִישְׁט גֶעהַאט, הָאבְּן מִיר אִים אַוֶועקְגֶעגֶעבְּן דֶעם 'כֹּחַ'"!

**הָאט** דֶער 'מֶלֶךְ' גֶעזָאגְט: "לָאז [זָאל] מֶען בַּיי אִים אָפְּנֶעמֶען [צוּרִיקְנֶעמֶען] דֶעם 'כֹּחַ', אוּן לָאז [זָאל] מֶען [דָאס] אוּמְקֶערְן צוּם 'מֶלֶךְ'" [פוּן דִי 'אִינְזְל']! – הָאט מֶען אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט [צוּם מֶלֶךְ]: "[אַז] עֶר אִיז גֶעוָוארְן אַ 'וָואלְקְן'"! (דְהַיְינוּ: דֶער 'שֵׁד' וָואס זֵיי הָאבְּן אִים אַוֶועקְגֶעגֶעבְּן דֶעם 'כֹּחַ' פוּן דֶעם 'מֶלֶךְ', אִיז דֶער 'שֵׁד' גֶעוָוארְן אַ 'וָואלְקְן')!

**הָאט** דֶער 'מֶלֶךְ' גֶעזָאגְט: "אַז מֶען זָאל רוּפְן דֶעם 'וָואלְקְן', אוּן מְ'זָאל אִים בְּרֶענְגֶען אַהֶער"! – הָאט מֶען גֶעשִׁיקְט אַ 'שְׁלִיחַ' נָאךְ אִים!

**הָאט** עֶר זִיךְ מְיַישֵׁב גֶעוֶוען (דְהַיְינוּ: דֶער וָואס הָאט קַיין 'כֹּחַ' נִישְׁט גֶעהַאט אִין דִי 'פִּיס' פְּרִיעֶר [דֶער 'פְּרִיעֶרְדִיגֶער הִינְקֶעדִיגֶער'] – וָואס עֶר [אִיז אַהֶערְגֶעקוּמֶען אוּן] הָאט דָאס אַלְץ גֶעזֶעהְן): "לָאם־אִיךְ [לָאמִיר] נָאכְגֵיין [דֶעם שְׁלִיחַ] – וֶועל אִיךְ זֶעהְן, וִויאַזוֹי סֶע [עֶס] וֶוערְט פוּן דִי [דָאזִיגֶע] לַייט [מֶענְטְשְׁן], אַ 'וָואלְקְן'"?!

**אִיז** עֶר נָאכְגֶעגַאנְגֶען דֶעם 'שְׁלִיחַ' – אוּן אִיז גֶעקוּמֶען צוּ דֶער 'שְׁטָאט', וָואס דָארְט אִיז גֶעוֶוען דֶער 'וָואלְקְן'! – הָאט עֶר [דֶער פְּרִיעֶרְדִיגֶער הִינְקֶעדִיגֶער] גֶעפְרֶעגְט דִי שְׁטָאט־לַייט: "פַארְוָואס אִיז דָא אַ 'וָואלְקְן' אִין 'שְׁטָאט'"?! [דְהַיְינוּ: פַארְוָואס הָאט דֶער "וָואלְקְן' אַזוֹי שְׁטַארְק בַּאדֶעקְט דֶעם 'שְׁטָאט'; סְ'אִיז פַארְוָואלְקְנְט].

**הָאבְּן** זֵיי אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "דָא אִין 'שְׁטָאט', אִיז אַדְרַבָּא, קַיינְמָאל קַיין 'וָואלְקְן' נִישְׁט [גֶעוֶוען] דָא – נָאר פוּן אַ [שְׁטִיקְל] צַייט [צוּרִיק], הָאט אַזוֹי אַ 'וָואלְקְן' בַּאדֶעקְט דִי 'שְׁטָאט'" אוּן דֶער 'שְׁלִיחַ' אִיז גֶעקוּמֶען, אוּן הָאט גֶערוּפְן דֶעם 'וָואלְקְן'! – אִיז עֶר [דֶער פְּרִיעֶרְדִיגֶער הִינְקֶעדִיגֶער] אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען פוּן דָארְט הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵׁב גֶעוֶוען (דְהַיְינוּ: דֶער וָואס הָאט קַיין 'כֹּחַ' נִישְׁט גֶעהַאט אִין דִי 'פִּיס' פְּרִיעֶר [דֶער פְּרִיעֶרְדִיגֶער הִינְקֶעדִיגֶער]): "עֶר וֶועט זֵיי נָאכְגֵיין, עֶר זָאל הֶערְן וָואס זֵיי שְׁמוּעֶסְן"!

**הָאט** עֶר גֶעהֶערְט: וִוי דֶער 'שְׁלִיחַ' הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט: "וִוי קוּמְט עֶס, וָואס דוּ בִּיזְט דָא גֶעוָוארְן אַ 'וָואלְקְן'"?! – הָאט עֶר אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אִיךְ וֶועל דִיר דֶערְצֵיילְן אַ 'מַעֲשֶׂה'"!

:pe ______________

# לאמיר זיך פארהערן



## מַעֲשֶׂה ג׳ – דֶער הִגֵר (4)

**א. וואו אהין איז דער וואס האט נישט געקענט גיין נאכדעם געגאנגען?**

- ❑ ער איז צוריק געגאנגען צו די פלאץ וואס די זון און די לבנה טרעפן זיך
- ❑ ער איז צוריק געגאנגען צו די פלאץ וואו מ׳האט אים בא׳גזל׳ט
- ❑ ער איז געגאנגען צו די צוויי טויזענט בערג

**ב. וואס האט ער דארטן געזען?**

- ❑ די שדים וואו זיי מאכן ליצנות
- ❑ די שדים וואו זיי פארציילן פאר וועמען זיי האבן מזיק געווען
- ❑ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ג. פארוואס האבן די טאטע מאמע פון די שדים געוויינט?**

- ❑ ווייל די שדים האבן זיי מזיק געווען
- ❑ ווייל שוין א לאנגע צייט וואס זייער זון איז נישט געקומען
- ❑ ווייל זיי האבן פארלוירן גאר א טייערע זאך

**ד. ווער האט געכאפט די זון פון די שדים , דער וואס איז פארלוירן געווארן?**

- ❑ זיין חבר וואס איז געגאנגען מיט אים יעדן טאג
- ❑ דער מלך וואס האט געבויט די פאלאץ
- ❑ דער כישוף מאכער וואס האט געוואוסט זיין משפחה

**ה. פארוואס האט ער אים געכאפט און געפייניגט?**

- ❑ ווייל ער האט מזיק געווען פאר דער מכשף
- ❑ ווייל ער האבן אוועק גענומען די כח פון דעם מלך וואס האט געבויט פאלאצן אויף׳ן ים
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ו. וואס האט דער מלך פון די שדים געהייסן אז מ׳זאל טון?**

- ❑ דערווייל זאל מען גארנישט טון
- ❑ אז מ׳זאל צוריק געבן די כח פאר דעם מלך וואס האט געבויט די פאלאצן
- ❑ אז מ׳זאל נישט צוריק געבן די כח פאר דעם מלך וואס האט געבויט די פאלאצן

**ז. וואס האט דער מלך פון די שדים געהייסן אז מ׳זאל טון ווען מ׳האט אים געענטפערט אז ער איז געווארן א וואלקן?**

- ❑ דערווייל זאל מען גארנישט טון
- ❑ אז מ׳זאל צוריק נעמען די כח פון דעם וואלקן און עס צוריק געבן פאר דעם מלך וואס האט געבויט די פאלאצן
- ❑ אז מ׳זאל רופן דעם וואלקן און מ׳זאל אים אהער ברענגען

**נָאר דָאס זָאלְט אִיר זֶעהְן תָּמִיד צוּ טָאן. אָן צוּ טְרֶענְקֶען בֵּיימֶער - מיט פיל הצלחה**

### טיפער געטראכט



~ וואו נאך אין סיפורי מעשיות ווערט דערמאנט מכשפים?

~ וועלכע זאכן וואס איז אין די מעשה פון דער וואך, האט דער רבי געבעטן מען זאל זיך זייער דערווייטערן דערפון?

**תשובות אויף פאריגע וואך:** וואו נאך זעט מען איינער וואס איז ארויף אויף א בוים? **מעשה ב׳ מלך וקיסר:** און בַּיינַאכְט, פְלֶעגְט זִי אַרוֹיפְגֵיין אוֹיף אַ ׳בּוֹים׳, כְּדֵי זִי זָאל זַיין אָפְּגֶעהִיט פוּן דִי ׳חַיוֹת׳! **מעשה י״א בן מלך ובן שפחה:** הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵּׁב גֶעוֶוען – אוּן אִיז אַרוֹיפְגֶעגַאנְגֶען אוֹיף אַ ׳בּוֹים׳ – אוּן הָאט דָארְט גֶענֶעכְטִיגְט.

**די געווינערס אויף ׳דער חיגר׳ 3**

**ר. ווייסשטיין ירושלים - ישראל נחמן אנשין, ירושלים, 0092****

**יוסי לוינזון, בית שמש - בנימין זאב שפירא, בית שמש 3540****

**געווינער אויף ׳טיפער געטראכט׳ איז הילד ישעי׳ ראטענבערג ירושלים 0521****

**צו ענטפערן די בחינות און אריינגיין אינעם גורל, 02-5-3333-72 646-585-3040**



# דעם רבינ'ס משלים

אֵיינְמָאל אִיז אַ בֶּן-מֶלֶךְ אַרַייננֶעפַאלְן אִין אַ שִׁגָעוֹן אַז עֶר אִיז אַ פֵייגְל וָואס רוּפְט זִיךְ אִינְדִיק (טוּרְקִי), דֶערִיבֶּער דַארְף עֶר זִיצְן אָן קְלֵיידֶער אוּנְטֶערְן טִישׁ אוּן כַאפְּן בְּרֶעקֶעלֶעךְ בְּרוֹיט אוּן בֵּיינֶער פּוּנְקְט וְוי אַן אִינְדִיק. אַלֶע דָאקְטוֹירִים הָאבְּן גֶעהוֹיבְּן הֶענְט נָאכְן פְּרוּבִּירְן אִים אוֹיסְהֵיילְן פוּן זַיין אַיינֶרֶעדֶענִישׁ.

דֶער קֶענִיג הָאט גֶעהַאט גְרוֹיס וֵוייטָאג דֶערְפוּן, בִּיז אַ חָכָם אִיז גֶעקוּמֶען אוּן זִיךְ אוּנְטֶערְגֶענוּמֶען אִים צוּ הֵיילְן. דֶער חָכָם הָאט זִיךְ אוֹיךְ אוֹיסְגֶעטוּן דִי קְלֵיידֶער אוּן זִיךְ גֶעזֶעצְט אוּנְטֶערְן טִישׁ נֶעבְּן בֶּן-מֶלֶךְ, אוּן אוֹיךְ גֶענַאשְׁט פוּן דִי בְּרֶעקְלֶעךְ אוּן בֵּיינְדְלֶעךְ.

פְּרֶעגְט אִים דֶער בֶּן-מֶלֶךְ: "וֶוער בִּיסְטוּ? וָואס טוּסְטוּ דָא?" פְּרֶעגְט צוּרִיק דֶער חָכָם: "וָואס טוּסְטוּ דָא?"

"אִיךְ בִּין אַן אִינְדִיק" עֶנְטְפֶערְט דֶער בֶּן-מֶלֶךְ! "אִיךְ בִּין אוֹיךְ אַן אִינְדִיק" זָאגְט דֶער חָכָם. אַזוֹי זֶענֶען בֵּיידֶע גֶעזֶעצְן אַ שְׁטִיק צַייט, בִּיז זֵיי הָאבְּן זִיךְ בַּאפְרַיינְדְט, הָאט דֶער חָכָם גֶעוואוּנְקֶן מֶען זָאל אוּנְטֶערְוַוארְפְן אַ הֶעמְד. דַאן עֶרְקְלֶערְט דֶער חָכָם צוּם בֶּן-מֶלֶךְ: "דוּ מֵיינְסְט אַז אַ אִינְדִיק טָאר נִישְׁט גֵיין מִיט אַ הֶעמְד, מֶען קֶען פָּארְט בְּלַייבְּן אַן אִינְדִיק!" הָאבְּן זִיךְ טַאקֶע בֵּיידֶע אָנְגֶעטוּן הֶעמְדֶער!

# מָשָׁל פון דער אִינְדִיק

נָאךְ אַ שְׁטִיק צַייט הָאט עֶר וִוידֶער מְרַמֵז גֶעוֶוען מֶען זָאל אַרַיינְשִׁיקְן אוּנְטֶערְן טִישׁ הוֹיזְן, אוּן הָאט וִוידֶער גֶעזָאגְט צוּם בֶּן-מֶלֶךְ וְוי פְרִיעֶר: "דוּ מֵיינְסְט אַז מִיט אַ הוֹיזְן קֶען מֶען נִישְׁט זַיין קַיין אִינְדִיק?", הָאבְּן בֵּיידֶע זִיךְ גֶעקְלֵיידֶעט מִיט הוֹיזְן אוּן אַנְדֶערֶע קְלֵיידֶער... אַרִיבֶּער נָאךְ אַפָּאר שְׁטוּנְדְן הָאט עֶר צוּגֶעוִויזְן מֶען זָאל אוּנְטֶערְשִׁיקְן מַאֲכָלִים וָואס אִיז גֶעלֶעגְן אוֹיפְן טִישׁ, אוּן זָאגְט צוּם בֶּן-מֶלֶךְ: "אוֹיב עֶסְט מֶען גוּטֶע עֶסְן קֶען מֶען זִיךְ מֶער נִישְׁט רוּפְן 'אִינְדִיק'? מֶען מֶעג רוּאִיג עֶסְן אוּן נָאךְ בְּלַייבְּן אַן אִינְדִיק".

דִי בֵּיידֶע הָאבְּן זִיךְ גֶענוּמֶען צוּם עֶסְן. שְׁפֶּעטֶער אַבִּיסְל, זָאגְט דֶער חָכָם: "ס'קוּקְט דִיר אוֹיס אַז אַן אִינְדִיק מוּז דַוְקָא זַיין אוּנְטֶערְן טִישׁ? מֶען קֶען זַיין אַן אִינְדִיק אוּן זִיצְן בַּיים טִישׁ! אַזוֹי הָאט דֶער חָכָם זִיךְ גֶעפִירְט מִיט דֶעם בֶּן-מֶלֶךְ בִּיז עֶר הָאט אִים אִינְגַאנְצְן אוֹיסְגֶעהַיילְט.

(דֶער נִמְשָׁל אִיז פַארְשְׁטֶענְדְלִיך פַאר אַ מֵבִין. מֶען קֶען אוֹיךְ מַסְבִּיר זַיין דֶעם נִמְשָׁל אַז וֶוען אַ אִיד ווִיל זִיךְ דֶערְנֶענְטֶערְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער, אִיז עֶר דָאךְ אַ אִינְדִיק מִיט פַארְגְרֶעבְּטְקֵייט א.א.וו אוּן אוֹיף דֶעם גַאנְג פוּנֶעם חָכָם קֶען מֶען זִיךְ בִּיסְלֶעכְוֵוייז מְקַרֵב זַיין צוּ דִינֶען דֶעם בַּאשֶׁעפֶער, בִּיז מֶען קֶען אִינְגַאנְצְן אַרַיינְגֵיין אוּן זִיךְ אָפְּלָאזְן פוּן אַלֶע נַארִישֶׁע גֶעוואוֹינְהַייטְן. אַזוֹי אוֹיךְ גֵייט אָן דֶער מָשָׁל בַּיים מְקַרֵב זַיין מֶענְטְשְׁן צוּם בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף דֶעם וֶועג.)

(כּוֹכְבֵי אוֹר – סִפּוּרִים נִפְלָאִים)